נייעסן, באריכטן, אנטוויקלונגען און היסטאריע פון

**מוסדות יטב לב דרבינו יואל בארה"ק**

לצדקת רבי מאיר בעל הנס

גליון יט




# בקודש חזיתיך


ארויס געגעבן דורך הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ב

**שבת מברכים סיון • שנת תשע"א לפ"ק**


# א רעגענדיגער טאג!


באארבעט דורך: הכותב


אז מ'הערט איינעם זאגן אז ס'איז "א רעגענדיגער טאג" מיינט נישט אלץ אז עס רעגענט דאן אינדרויסן... דער אויסדרוק "א רעגענדיגער טאג" איז היינט א "שם המושאל" אויף סיי וועלכע מצב עס זאל זיך נישט מאכן, ווען עס איז אזוי "פארוואלקענט" "רעגענדיג".

ווען איינעם גייט גוט, עס פעלט אים גארנישט דרוקט מען זיך אויס אז "די הצלחה שיינט אים". וואס הייסט ס'שיינט? ס'שיינט ווי די זון! די זון איז ליכטיג, ס'דערלייכט דעם זעה-קראפט, און ווען מען איז מצליח איז די זעלבע זאך. פאר דעם מוצלח'דיגן מענטש שיינט איצט די אויגן. ווידער ווען עס איז ח"ו פארקערט איז עס פארוואלקענט פאר'ן מענטש. טראץ וואס אינדרויסן קען די זון שיינען מיטן פולן קראפט, אבער דער מענטש ספעציעפיש זעט אלעס אזוי פארטונקעלט, ווייל די הצלחה שיינט אים נישט.

ווידער אין די ביזנעס-וועלט אין אלגעמיין איז שטארק אנגענומען דער כלל, אז מ'דארף אלץ האלטן א באזונדערן סכום געלט, עס אוועקצולייגן אויף "א רעגענדיגן טאג". לדוגמא, א פירמע וואס פראצעדורט עיר-קאנדישאנס, דארף אין די זומער חדשים ווען עס איז דער סעזאן פון קויפן און נוצן עיר-קאנדישאנס, זיך אוועקלייגן גענוג געלט אז זי זאל האבן מיט וואס אנצוגיין אויך אין די ווינטער חדשים, ווען עיר-קאנדישאנס זענען אזויפיל ווערד ווי אתרוגים נאך סוכות... און אזוי איז דאס איז מיט יעדע זאך.

ביי מוסדות התורה איז געוויינליך דאס זעלבע. מוסדות התורה האבן פארשידענע סעזאנען אין יאר. די הוצאות זענען דאך אלעמאל פעליג. יעדן חודש צו אפילו יעדע וואך און יעדן טאג דארף מען נאכאמאל אויסגעבן געלט, אבער די הכנסות זענען פארשידענארטיג. אמאל קומט אריין מער און אמאל ווייניגער. האלט מען נאך א דינער זענען די הכנסות מער. ווידער עטליכע חדשים נאכן דינער איז ווי א "רעגענדיגער טאג" א.א.וו. פארשטייט זיך דאך, אז מ'דארף אזוי מאנאווירן מיטן בודזשעט, אז די הכנסות פונעם דינער זאל פארבלייבן אויך אויף די שפעטערע חדשים ווען עס איז נישט דא קיין דינער, און אזוי איז מיט די אנדערע הוצאות והכנסות.

אזוי איז דער סדר ביי אסאך מוסדות התורה, און ביי מוסדות "יטב לב" וואלט אויך "געדארפט" זיין דאס זעלבע. נישט בלויז עס וואלט געדארפט זיין אזוי, נאר עס איז גאר קריטיש וויכטיג. ביי פארשידענע געלעגנהייטן האבן מיר שוין ערווענט, ווי שטארק וויכטיג עס איז, אז מיר זאלן קענען שיקן די תמיכות פון דאהי אין צייט, יעדן איינציגן ראש חודש. אויב דאס געלט פון דאהי קומט אן אום ראש חודש, איז דער גאנצער בודזשעט ביי די חברי הנהלה אין ארה"ק אויף א סטאבילן מצב. ווידעראום אויב דאס געלט פון דאהי קומט נישט אן באצייטענס, לייגט דאס ארויף אויף די ארטיגע חברי הנהלה א פרישן שווערן עול, צו דרייען מיט די חובות וואס "מיר" זענען זיי שולדיג.

אזוי ארום איז ביי אונז דאהי נאך מער וויכטיג צו זיין גרייט אויף "א רעגענדיגן טאג" א באדייט, אז מען זאל אלץ זיין גרייט מיט אביסל עקסטערע געלטער, כדי זיכער צו מאכן בעזהשי"ת אז יעדן איינציגן ראש חודש קען מען שיקט דאס געלט אויף ארץ ישראל.

פאקטיש איז דאס נישט אזוי דער פאל ביי אונז. מיר האבן דערווייל נישט די מעגליכקייט פון פאראויס צו טראכטן און זיך צוצוגרייטן פאר "א רעגענדיגן טאג". מיר הייבן אן יעדן חודש מיט א בודזשעט פון $130,000, בעת אונזערע


2 ◄



פאר הערות, קאמענטארן,
אדער צו באקומען דעם גליון

**פארבינדט אייך מיט אונז אויף:**

**Tel: 1877-YETEV-LEV**
(1877-938-3853)
**Fax: 866-594-0261**


**המולד**
של חודש סיון
**מיטוואך מיטאג**
**2:12**
**מיט 10 חלקים**
ראש חודש: **פרייטאג**

# א רעגענדיגער טאג

א

הכנסות דאס צו דעקן זענען זערא-זערא-פינטל-זערא.

אציגד האלט מען געציילטע טעג פאר'ן צענטראלער דינער, וואס וועט אי"ה געפראוועט ווערן קומענדיגן דינסטאג אין די זאלן פון ראוז קעסיל אין וויליאמסבורג. דער דינער שטעלט היי יאר פאר א געלעגנצענדע געלעגנהייט פארזעצן די הצלחה פון דעם פארגאנגענעם חודש ניסן, זייענדיג דאס ערשטע מאל אין עטליכע יאר, וואס די חשבונות זענען ב"ה גענצליך אויסגעקלארט. פון דאהי האט מען אלעס געשיקט, אין ארץ ישראל האט מען אלעס אויסגעצאלט און עס וואלט זיכער כדאי געווען, אז מען זאל כאטש פון היינט און ווייטער קענען אנהייבן טראכטן מיט א ברייטע וויזיע אויפן עתיד.

ס'האלט אבער נאך ווייט פון דעם. דערווייל איז דער היזיגער אפיס נאך פארשולדיגט מיט חובות, וואס ס'איז טאקע אויסגעשטעלט אויף א קראנטן פארנעם אז מ'צאלט עס ביסלעכווייז, אבער ביז מ'האט נאך איין דאלאר חובות, געפונט מען זיך פאקטיש נאך אין א רעגענדיגן טאג, און ס'קען קיין רעדע נישט זיין פון טראכטן אויף א טאג שפעטער, ולא עוד. זינט די איצטיגע הנהלה האט איבערגענומען דעם ווירטשאפט, האט מען אינגאנצן בלויז איינמאל געהעכערט די תמיכה וואס מ'שיקט פון דאהי. די אינפלאציע איז זינט דאן שוין פילפאכיג געשטיגן, און עס איז כמעט זיכער אז יעדער ארבעטער האט אינדערצווישן שוין באקומען א העכערונג אין זיין געהאלט. עס וואלט שוין זיכער געווען צייט צו העכערן די תמיכה, ובפרט לאור דעם אויסנאם-שווערן מצב וואס די מוסדות גייען איצט דורך סיי אין ירושלים און סיי אין בני ברק. דערווייל קען אבער קיין קלער נישט זיין דערפון, נאכדעם וואס יעדע דאלאר וואס קומט אריין, איז געווידמעט פאר ביז-איצטיגע הוצאות, ואין התוספות מתקבל אלא על העיקר. נאר ערשט ווען דער ביז-איצטיגער בודזשעט וועט זיין קראנט-געדעקט, וועט מען קענען אנהייבן טראכטן פון אן הוספה.

דאס זענען די געדאנקן אין בעפארגרייטונג צום היי-יעריגן דינער, צו וועלכע די הנהלה האט אוועקגעשטעלט זייער קלארע צילן. עס איז דער האפענונג אז מ'וועט בעזהשי"ת קענען אנהאלטן דעם "שיין" פון הצלה פון פאר'ן יום טוב פסח העעל"ט. אויב בעזהשי"ת די הצלחה וועט אנהאלטן וועט מען אי"ה בקרב הימים קענען איינשטעלן א סטאבילן בודזשעט וואס נעמט אריין אין זיך, אוועקצושטעלן געלט אויף "א רעגענדיגן טאג" א באדייט ביי אונז, אז יעדן איינציגן ראש חודש, יהי' מה שיהי' וועלן די היזיגע תמיכות אריבערגעווייערט ווערן קיין ארץ ישראל. ווייל אפילו ווען מ'וועט נאך האלטן איידערן שאפן דאס געלט אויף דעם חודש, וועט אבער ערמעגליכט זיין צו שיקן דאס געלט וואס מ'האט זיך אנגעזאמעלט ביי א פריערדיגע געלעגנהייט.

דאס איז דער ציל פונעם היי-יעריגן דינער וואס ווערט פאסיג געפראוועט אין די ימי הספירה. כידוע וואס עס ווערט געברענגט בשם הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע, אז א "רעגן" בימי הספירה איז "גשמי ברכה". עס איז א שטארקע סגולה לרפואה ולישועה. מיר האפן אויך אז די השפעה פון די ימי הספירה וועט פארבלייבן לסגולה אלס "גשמי ברכה" אויף די וועגטועלע "רעגענדיגע טעג" און כדי דאס צושטאנד צוברענגן איז קריטיש וויכטיג דאס השתתפות פון יעדן יחיד בלי יוצא מן הכלל.

אין בעפארגרייטונג צום דינער זענען מיר גאר שטארק אנגעוויזן אויף די שטיצע פון אנ"ש אין וויליאמסבורג, צו קומען פערזענליך צום דינער, מיטצוברענגן גרויסע סכומים געלט, ולכה"פ דעם סכום פון $360 און בכלל זענען מיר אנגעוויזן אויף די ווארימע שטיצע פון יעדן איינעם מאנ"ש בכל מקומות מושבותיהם, כדי צו קענען אנהאלטן די הצלחה אויף ווייטער.

ומדה כנגד מדה, אין זכות פון צוהעלפן אז די מוסדות זאלן קענען זיין גרייט אויף א רעגענדיגן טאג, וועט השי"ת זיכער יעדן איינעם אריינשיינען הויפענס מיט ליכטיגע השפעות בכל מילי דמיטב.

יט

רייכער אפהאנדלונג איבער

"מעות ארץ ישראל" לצדקת

## רבי מאיר בעל הנס



ווי שוין דערמאנט האבן די אידן זיך נישט געקענט באזעצן אין ירושלים, בלויז א קליינער צאל – באהאלטנע – אשכנזים האבן דארט געקענט וואוינען. אויך אין חברון איז נישט געווען קיין פלאץ אין דעם קליינעם הויף ווי די אשכנזים האבן געוואוינט. דעריבער איז נישט געבליבן קיין ברירה, און זיי האבן זיך געמוזט באזעצן אין די צוויי שטעט, טבריה אדער צפת, וועלכע געפינען זיך אין גליל.

צפת איז דאן געווען א פוסטע שטאט, ליידיג פון איינוואוינער, דערפאר ווייל מען האט דארט געהאלטן עטליכע יאר נאך דעם ערד ציטערניש פון יאר תק"כ, און דאס ביסעלע אידן וואס זענען געבליבן פון דעם ערד ציטערניש, האבן נישט געהאט די כוחות צוריק אויפצובויען די שטאט. אויך פון פאליטישן שטאנפונקט איז צפת געווען גאר פאסיג אז די נייע געסט זאלן זיך דארט באזעצן. ווייל דער שלעכטער פאשע וואס האט געהערשט פארדעם אויף די שטאט, און האט ארויסגעיאגט דעם מארעך פון די דארטיגע אידן, איז שוין געווען אראפגעזעצט. דער נייער הערשער, וועלכער האט דא געהערשט אין נאמען פון דעם טערקישן סולטאן, האט געהאט אן אינטערעסע אז מען זאל צוריק אויפבויען די שטאט צפת. (כדי ער זאל דערפון מאכן ריוח. אבער דאס האט געהאלפן די אידן אין יענע שווערע טעג). און דערצו האט ער געהאט א איד א בעל יועץ און א פינאנציעלער מיניסטער, ר' חיים פרחי פון דמשק. אזוי אז מען האט געקענט רעכענען אז דער מושל וועט זיין גוט צו די אידן, און עס איז זיך כדי דארט צו באזעצן.

דער נייער מושל האט זיך געפרייט אז די אידן ווילן זיך דארט באזעצן, און ער האט זיי באפרייט פון שטייערן, און זיי געגעבן די מעגליכקייט אלעס צוריק אויפצובויען. און די אידן האבן דאס געוואוסט אויסצוניצן, און מען האט געשאפן א פרישע קהלה.

אבער די חובות וואס זיי האבן זיך אנגעזאמלט אויפן וועג, ווען זיי האבן אסאך מאל געדארפט אויסצאלן גרויסע סכומים "אויסלייז געלט" פאר פארשידענע טונקעלע עלימענטן, און דערצו דעם שווערן עול וואס איז אויף זיי ארויפגעפאלן ווען עס זענען צו זאמען מיט זיי געקומען אסאך ארעמעלייט, ווי מיר האבן שוין דערמאנט. דאס האט זיי געצווינגען אז גלייך נאכדעם ווי זיי האבן זיך גענומען איינארדענען, מען איז קוים אנגעקומען, האט מען שוין געמוזט ארויסשיקן א שליח, וואס זאל שאפן געלט.

און דער שליח איז געווען רבי ישראל בן רבי פרץ מפולוצק. וועלכער איז געווען א איש המעש, און א קענער פון וועגן, וועלכער ווייסט ווי אזוי מען גיט זיך אן עצה אונטערוועגנס, און א מענטש וואס קען אויף-פלאמען די הערצער פון זיינע צוהערער זיי זאלן זיך לאזן קאסטן געלט.

אונזער שד"ר האט אבער געוואוסט אז די ארעמע אידן אין צפת האבן נישט קיין צייט צוווארטן ביז ער וועט אנקומען קיין רוסלאנד, וואו אהין מען האט אים געשיקט, און ער זאל דארט זאמלען געלט און עס שיקן קיין צפת. ווייל דאס קען נעמען א שטיקל וויילע. דעריבער האט ער זיך גענומען צו דער ארבעט, ווען ער איז נאך געווען אונטערוועגנס. ווען ער איז אנגעקומען קיין קושטא, טערקיי, האט ער גלייך פארשפרייט די צוויי המלצה בריוון וואס מען האט אים מיטגעגעבן, און זיך גענומען זאמלען געלט, ער זאל קענען דאס אפשיקן וואס שנעלער.

זיין שריט איז טאקע געווען א קליגע. ווייל די אידן פון קושטא האבן דאך געוואוסט פון דעם אז אידן חסידים, זענען ארויף קיין ארץ ישראל, ווייל זיי האבן זיי דאך געזען ווען זיי זענען ארויף, און זענען דורך זייער שטאט. זיי האבן אויך געוואוסט אז די דאזיגע אידן זענען ארעם און זייער ערליך. דעריבער האבן זיי אויסגעשטרעקט פאר זיי א האנט, און זיך שיין משתתף געווען מיט ערנסטע סומעס זיי צו העלפן.

און נאך מער פון דעם. די "פקידי צפת". דאס הייסט: די באאמטע וועלכע זענען געווען

ו

### א ווארט פון

# אונזערע רבי׳ס

**זיקוקין דנורא, קורצע און בליציגע ווערטער פון רבוה"ק**

איבערן חוב און זכות פון שטיצן מוסדותינו הק׳

עס איז געווען אפאר יאר צוריק, ווען עס איז געקומען צו פארן דער אומפארגעסליכער חשובער מנהל פון אונזערע מוסדות אין נתני׳ הרה"ג רבי חיים דוד יאזשעף ז"ל אויפצוטרעטן אלס דער נואם הכבוד ביי א "יטב לב דינער", איז ער בשעתו אריינגעגאנגען צום ירושלימער רב מרן הגה"ק רבי משה ארי׳ פריינד זצללה"ה זיך געזעגענען, האט אים דער גאב"ד ז"ל געזאגט די פאלגענדע ווערטער:

**"ס׳איז ידוע דאס דער הייליגער רבי דער בעל דברי יואל זצללה"ה פלעגט יעדעס יאר ביי די הקפות נאכזאגן דעם באקאנטן זוהר הק׳ "ישמח ישראל בעושיו" דאס ווען יודען קומען זיך צוזאם ביי א שמחה של מצוה טרייבט מען אראפ די אבות הקדושים פון גן עדן זיי זאלן זיך קומען מיטפרייען מיט זייערע קינדער אויף דער וועלט, און אפי׳ מיר זעעהן זיי נישט, גלייבן מיר אבער באמונה שלימה אז זיי געפינען זיך דא צווישן אונז.**

"רביה"ק האטליידער נישט איבערגעלאזט קיין קינדער אויף דער וועלט, איז דען מעגליך אז ער קומט נישט אראפ צו קיין שמחות, אין די צייט וואס ער פלעגט שטענדיג נאכזאגן די הייליגע ווערטער פון זוהר הק׳?"

האט דער ירושלים׳ער רב געזאגט, אזוי ווי רביה"ק האט ליידער נישט איבערגעלאזט קיין קינדער אויף דער וועלט, איז דען מעגליך אז ער קומט נישט אראפ צו קיין שמחות, אין די צייט וואס ער פלעגט שטענדיג נאכזאגן די הייליגע ווערטער פון זוהר הק׳? נאר וואס דען, **רבינו הקוה"ט ז"ל האט אויפגעשטעלט טויזענטער טויזענטער קינדערלעך כ"י, תינוקות של בית רבן, צאן קדשים זרע ברך ה׳, די אלע הייליגע מוסדות אין די גאנצע וועלט, און יעדעס מאל ווען מ׳מאכט א מסיבה של מצוה לטובת זיינע מוסדות הקדושים, איז דאס זיין שמחה של מצוה ווי מ׳טרייבט אים אראפ, צו קומען זיך משתתף זיין אין דעם מעמד!!!**

האט דער ירושלימער רב ז"ל געזאגט אז וועגען דעם הייסט ער יעדעס מאל ווען מ׳מאכט א דינער לטובת די הייליגע מוסדות, דאס מ׳זאל אויסרופן די נעמען פון די נדבנים, כדי מ׳זאל מזכיר זיין לטובה די אידן וואס שטרענגען זיך אן און געבן א נתינה לטובת די מוסדות, און ער איז נישט צופרידען ווען מ׳רופט אויס "מתן בסתר געט אזויפיל" נאר מ׳זאל זאגן דעם נאמען פון דעם נדבן, און דורך דעם וואס מ׳וועט מזכיר זיין דעם נאמען לטובה וועט דער רבי ז"ל בגנזי מרומים זיין פאר זיי א מליץ יושר און משפיע זיין ישועות און רפואות און אלעס גוט׳ס.

און ער האט אויסגעפירט מיט א "אש קודש":

**דאס א איד וואס האט דעם ריכטיגן שכל א איד א בר דעת, אין אזא זמן ווען מ׳זיצט ביי א מסיבה לטובת די הייליגע מוסדות פון רבינו הקוה"ט ז"ל, שרייבט ער זיך אפ א קוויטל און ער לייגט עס אפ דארט בשעת מעשה, און ער דארף נישט ארויספארן צום ציון, דער רבי ז"ל געפינט זיך יעצט דארט, און מ׳קען אין אזא זמן אויספועלן פאר זיך און די גאנצע משפחה אלעס גוט׳ס.**

און מיט דעם האט דער ירושלימער רב ז"ל אפגעזעגענט אונזער חשובער מנהל ז"ל, און געהייסן איבערגעבן בשמו **"דאס מ׳קען אויסניצן אזא הייליגע זמן ביי אזא מעמד זיך אויסצובעטן פאר זיך און פאר די קינדער כט"ס".**

און מיר ווילן יעצט צוענדיגן מיט נאך א מעשה וואס הרה"ח רבי שלמה גפן ז"ל האט אמאל דערציילט.

ס׳איז געווען אין שנת תשי"ב, דער רבי ז"ל איז געפארן אויף א שבת קיין אנטווערפן זענען זיך צוזאם געקומען אנ"ש פון אייראפע, איז דעמאלטס געקומען צו פארן הר"ר שלמה מיטעלמאן ע"ה וואס האט געוואוינט אין וויען און האט מיטגעברענגט מיט זיך קוויטלעך און פדיונות פון אנדערע אידן פון וויען, איז דארט געווען א איד וואס ער האט נישט געוואלט שיקן א קוויטל נאר זיין פרוי האט שטארק געבעטן ר׳ שלמה ער זאל פאר איר שרייבן דעם קוויטל, און ר׳ שלמה האט דאס מיטגענומען מיט זיך, ר׳ שלמה האט געהאט מיט זיך פארשידענע געלטער פדיונות, שילינג׳ס, פונטן און דאלארן, ער האט אלעס אויפגעטוישט אויף דאללאר׳ן און איבערגעגעבן פאר׳ן רבי׳ן ז"ל די קוויטלעך מיט די פדיונות.

ווען דער רבי ז"ל האט אנגעהויבן צו ליינען די קוויטלעך האט ער זיך אינדערמיטן אפגעשטעלט ביים דעם קוויטל פון דעם איד וואס ר׳ שלמה האט פאר אים געשריבן א קוויטל, און ער פרעגט ר׳ שלמה: דער איד האט אייך געגעבן א פדיון? ר׳ שלמה האט נישט געוואלט ענטפערן האט ער געזאגט אז ער געדענקט נישט, האט אים דער רבי ז"ל געבעטן ער זאל זיך אנשטרענגען און פראבירן צו דערמאנען צו דער איד האט אים געגעבן א "פדיון" און ער זאל אים זאגן נאך שבת.

מוצאי שבת האט ר׳ שלמה גפן געזאגט פאר ר׳ שלמה מיטעלמאן, לייג זיי מוחל אויס $20 און געב דאס איבער פאר׳ן רבי׳ן און זאג אז דאס איז פאר דעם איד׳ס קוויטעל, און ער האט אזוי געטאן און דער רבי ז"ל האט איבערגעליינט דאס קוויטל...

**היוצא לנו מזה: רבינו הקוה"ט זצללה"ה וואס האט געקענט ליינען א קוויטל, האט אבער געוואלט אז דער איד זאל צולייגן א "פדיון" צום קוויטל, און ער האט דאס מרגיש געווען בשעת׳ן ליינען דאס קוויטל. רבינו הקוה"ט ז"ל האט פאר זיך גארנישט געדארפט, אלעס וואס ער האט פארמאגט האט ער אוועקגעגעבן פאר צדקה וחסד און צו קענען אויפהאלטן זיינע הייליגע מוסדות.**





# ראשית ממלכתו

## עפיזאדן, שטריכן, היסטארישע געשעענישן, ארום דעם התייסדות פון מוסדות יטב לב דסאטמאר

אין קורצן פון פריער: דער רבי איז צוגאַסט אין ירושלים בשנת תרצ״ב. דעם רבי׳נס חסידים לייגן פאר פאַר׳ן רבי׳ן זייער שוועריקייטן אינעם מארמארישן ביהמ״ד וואו זיי דאַוונען איצט. דער רבי ברענגט פאר זיי אַרויס זיין השתוקקות צו האָבן אן אייגן ביהמ״ד אין ירושלים, און געט א סכום פון דריי הונדערט פונט, צו קענען אָנהייבן בויען דעם אייגענעם ביהמ״ד. א יאָר צייט בויט מען, אָבער אינצווישן ברעכט אויס א סכסוך צווישן די אייגענטומער אויף וועמענס דאך דער ביהמ״ד ווערט געבויט און דעם רבי׳נס חסידים וועלכע שטייען דערויף, אַז דער ביהמ״ד זאל זיין גענצליך איבערגעשריבן אויפן רבי׳נס נאָמען, כדי צו קענען איינשטעלן די תקנות פונעם ביהמ״ד כאוות נפשו.

דער סכסוך פאַרשלעפט זיך, און וויפיל מ׳פּראָבירט אויסצוגלייכן גייט דאָס נישט. די בוי אַרבעט איז אויף דערווייל אָפּגעשטעלט געוואָרן, און עס גייען כסדר בריוון אַהין און צוריק פון און צום רבי׳ן איבער דעם נושא. אַצינד לייגט ווייטער.

צווישן רבי׳נס תלמידים וחסידים וואס האבן שוין דעמאלט געוואוינט אין ירושלים איז געווען הרה״ח המפו׳ ר׳ יחיאל קליין ז״ל וועלכער איז אויך געווען פון די הויפט כלל-טוער פארן רבי׳נס ביהמ״ד אין ירושלים, און האט געהאט א שטארקע חלק אינעם התייסדות פונעם ביהמ״ד.

ר׳ יחיאל ז״ל איז שפעטער געווען דער שווער פון הרה״ח המפור׳ ר׳ יוסף אשכנזי ז״ל משב״ק. דער זון פון ר׳ יחיאל ז״ל איז געווען הרה״ח ר׳ ברוך קליין ז״ל מחשובי זקני אנ״ש בירושלים עיה״ק וועלכער איז נפטר געווארן פארגאנגענעם יאר. ער האָט פאַר דעם געוואוינט אין די שטאט סאַטמאַר, און איז דארט געווען א שטאַרקער מקורב צו מרן רביה״ק בעל דברי יואל זי״ע אין די יארן וואס דער רבי זי״ע האָט בשעת די ערשטע וועלט קריג געוואוינט אין סאטמאר. (ווי באַקאַנט האָט דער רבי זי״ע געוואוינט אין סאַטמאַר צווישן די יאָרן תרע״ה-תרפ״ד. דער רבי זי״ע איז שוין דאן געווען רב אין אורשיווא, און צוליב די שווערע צייטן פון די ערשטע וועלט קריג איז דער רבי דאן צוריקגעקומען קיין סאטמאר וואו ער האט שוין געוואוינט אַלס יונגער אינגערמאן איידער ער איז געפארן קיין אורשיווא). ר׳ יחיאל ז״ל איז אין סאטמאר געווען א קביעות׳דיגער מתפללים ביים רבי׳ן זי״ע אין ביהמ״ד וואָס מען האט דאן גערופן ״דאס אורשיווא ביהמ״ד״ און ער איז זינט דאן געבליבן מקושר צום רבי׳ן זי״ע עד זבולא בתרייתא.

ר׳ יחיאל ז״ל איז געווען א זון פון הרה״צ רבי משה קליין זצ״ל וועלכער האט עטליכע יאר געוואוינט אין סאטמאר ביי זיין זון ר׳ יחיאל, און ער פלעגט אויך דאוונען אין רבי׳נס ביהמ״ד דארט אין סאטמאר.

רבי משה קליין האט בסוף ימיו באקומען חשק ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל זיך דארט אויסצולעבן די יארן, און בשנת תרפ״ה איז ער טאקע געפארן מיט זיין גאנץ משפחה זיך באזעצן אין ארץ ישראל. זיי האבן זיך באזעצט אין ירושלים עיה״ק אין די ״מחנה יהודא״ געגענט וואס מען האט דאן גערופן די ״שטעטלאך״ וואס דארט איז דאן דער עיקר ישוב פון חרד׳ישע אידן אין ירושלים. זיי האבן אין די ערשטע יארן געדאווענט אינעם ביהמ״ד פון די ״בתי ראנד״ וואו עס האבן געדאווענט פילע חסידישע אידן. שפעטער מיט עטליכע יאר האבן זיי זיך באַזעצט אין די אונגארישע הייזער פון כולל שומרי החומות.

רבי משה קליין זעלבסט האט נישט צופיל מאריך ימים געווען אין ארץ ישראל, און ער איז נפטר געווארן בשנת תרפ״ח נאך בלויז דריי יאר ווי זיי זענען אנגעקומען קיין ארץ ישראל. ווי עס וועט אויסקומען שפעטער אויספירליך צו דערציילן, איז ר׳ ברוך קליין געווען קינד פון דריי יאר אלט ווען זיי זענען ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל בשנת תרפ״ה.

ר׳ יחיאל ז״ל איז אויך געווען פון די מתפללים אינעם מארמארישער ביהמ״ד וואס מיר האבן פריער דערמאנט, און זיין זון ר׳ ברוך ז״ל האט נאך געדענקט צו דערציילן פארשידענע פרטים פון די שוועריקייטן וואס דעם רבי׳נס חסידים האבן געהאט אויסצושטיין דארט אין מארמארישער ביהמ״ד וואו מען האט געדאווענט ביז דעמאלט.

ר׳ ברוך ז״ל האט דערציילט וואס ער האט נאך געדענקט, אין איינע פון די שבתים ווען מ׳האט געדאווענט אינעם מארמארישער ביהמ״ד, זענען פארן ליינען אנגעקומען עטליכע שלוחים פון די אלטע בעלי בתים און האבן אנגעהויבן צו פארקויפן און טיילן עליות פאר וועמען זיי האט געשמעקט. אזוי האט אויסגעבראכן א געפעכט און א רייבעריי אין ביהמ״ד.

בשנת תרצ״ב ווען דער רבי זי״ע איז געקומען אויף דעם באזוך קיין ירושלים עיה״ק, האט ר׳ יחיאל קליין ז״ל זייענדיג א ״סאטמארער״ נאך פונדערהיים, מיטגעהאלטן דעם גאנצן באזוך אויף טריט און שריט. אויך זיין זון ר׳ ברוך ז״ל וועלכער איז דאן געווען א קינד פון צוועלף יאר האט געדענקט צו דערציילן פארשידענע אינטרעסאנטע פרטים פון יענע צייטן (טייל דערפון איז געדרוקט אינעם ספר ״דרך המלך״).

אגב, צווישן אנדערן האט ר׳ ברוך ז״ל דערציילט אן אינטרעסאנטן אנעקדאקט, אז אין יענע צייט האט זיין פאטער ר׳ יחיאל ז״ל חתונה געמאכט א טאכטער מיט החתן הרה״ח ר׳ ברוך מרגליות ז״ל. די חופה איז געווען אין חצר פון די אונגארישע שול, און דער רבי זי״ע איז געווען מסדר קידושין. נאך די חופה איז דער רבי אריבער צום שטוב פון ר׳ יחיאל קליין וואו עס איז געפּראַוועט געווארן די סעודת החתונה. ווי פארשטענדליך איז דארט געווארן א שטארקער געדרענג, ווען פילע אידן פון די געגענט וועלכע האבן געזוכט צו זען צורת קדשו פון רבי׳ן זי״ע האבן זיך אריינגעשטופט אין די דירה פון ר׳ יחיאל ז״ל.

ר׳ ברוך קליין זייענדיג א קינד, האט זיך נישט געקענט גענוג שטופן ביז צום רבי׳ן, אבער ער האט אויך געוואלט באקומען שיריים פון רבי׳ן זי״ע. האט ער זיך אן עצה געגעבן. ער איז אונטערגעקראכן אונטערן טיש, ער איז אנגעקומען ביזן נעבן רבי׳נס בענקל, און פון דארט האט ער אויסגעשטרעקט זיין האנט צו באקומען

שיריים.

ווען דער רבי האט אים באמערקט, האט ער זיך צוגעבויגן קוקן ווער עס באהאלט זיך דארט. ווען דער רבי האט אים געזען אז האט ער זיך לייכט צושמייכעלט, און ער האט אים געגעבן א פולע האנט מיט שיריים.

## צייטווייליגער ביהמ״ד ווערט געגרינדעט

זענדיג אז דער משא ומתן פונעם רבי׳נס נייער ביהמ״ד, שלעפט זיך אזוי לאנג אן קיין ענדע, ווען אינדערצווישן זענען דעם רבי׳נס חסידים און די אנדערע חסידישע אידן געצוואונגן צו דאווענען אין אלטן מארמארישער ביהמ״ד, האט מען אויף מאָמענטאַל באַשלאסן, אז קודם וועט מען זיך ארגאניזירן אויף צייטווייליג אויף א פרישן ארט, און דארט אין דעם צייטווייליגן ביהמ״ד וועט מען אויסווארטן ביז מ׳וועט זיך דורכקומען איבערן בעלות פונעם נייעם ביהמ״ד וואס מען האלט אינמיטן בויען.

דאן האבן געציילטע עסקנים אין שפיץ פון הרה״ח ר׳ יחיאל קליין ז״ל זיך ארייינגעלייגט מיט לייב און לעבן אהערצושטעלן דעם פריוואזארישער ביהמ״ד פארן רבי׳נס תלמידים. זיי האבן איבערמידליך געארבעט אז אויף די הייליגע טעג פון יאר תרצ״ה זאל מען שוין קענען דאווענען אין אן אייגענעם ביהמ״ד.

נאך פילע ארומזוכענישן אויף א פאסיג ארט האט מען ענדליך געטראפן אפצודינגן עטליכע צימערן אין א געביידע אויף רחוב זאנענפעלד (צווישן רחוב חסידי קארלין און רחוב איידלמאן, העכער די בעקערי פון ר׳ לייבלע סאלנים, קעגן איבער די היינטיגע פינסק-קארלינער ביהמ״ד.) מ׳האט דאס אפגעדינגן פאר א געוויסע סומע געלט אויף יעדן חודש.

אנהייב חודש אלול תרצ״ד האט מען געשריבן קאנטראקט אויף אפצודינגן דעם ביהמ״ד. אין דעם גרויסן בנין האט מען אפגעדינגן צוויי קליינע צימערן פאר די ״מענער שול״. מ׳האט האט אויפגעבראכן די וואנט צווישן די צוויי צימערן, און מ׳האט דאס פארוואנדעלט אלס איין גרויסע צימער אז עס זאל זיין געאייניגט פאר א ביהמ״ד. עקסטער האט מען אפגעדינגן א קליינעם צימער דערנעבן וואס דאס האט מען גענוצט פאר א ווייבער שול.

אינעם טאג ח׳ אלול תרצ״ד, דער טאג וואס ר׳ ברוך קליין ז״ל איז געווארן בר מצוה, האט מען געעפענט די טויערן פונעם ביהמ״ד, און מ׳האט צום ערשטן מאל געדאווענט דארט תפלת שחרית. כאטש ס׳איז נאך גארנישט געווען אינעם ביהמ״ד, אבער לכבוד דעם הנחת תפילין פון ר׳ ברוך איז דער ביהמ״ד געעפענט געווארן, און דאס איז געווען דער חנוכת הבית פונעם סאטמארער ביהמ״ד אין ירושלים, וממנה יתד ופנה פארן ביהמ״ד אוהל רחל אין ירושלים, וועלכע איז - ווי דערמאנט געווען דער ערשטער יסוד פאר סאטמאר אין ארה״ק.

## והכינו את אשר יביאו

דאן האט מען זיך גענומען איינארדען דעם ביהמ״ד וועלכע איז בכלל נישט געווען קיין לייכטע זאך, און עס האט זיך אויסגעפעלט א זעלטענע מאס געטרייטשאפט און איבערגעגעבענקייט צו קענען דאס אלעס אהערשטעלן ווי עס דארף צו זיין. דא האט מען נאך געהאלטן אינמיטן בויען א נייעם אייגענעם ביהמ״ד, און דא האט מען ווייטער געדארפט זיך נעמען אויסגעבן געלט פאר דעם צייטווייליגן ביהמ״ד וואס מ׳האט אהערגעשטעלט. איין זאך איז געווען וואס האט געשטופט די עסקנים, וויסענדיג ווי שטארק דער רבי קוקט ארויס צו האבן אן אייגן ווינקל אין ירושלים. דאס האט זיי געגעבן טרייב-קראפט איבערצוקומען אלע שוועריקייטן וואס האט זיי געפלאגט.

ר׳ יחיאל קליין ז״ל, וועלכער איז אלץ געווען גרייט מיט מסירת נפש פאר רבי׳ן זי״ע, האט זיך אריינגעלייגט אין די ארבעטן מיטן פולן ברען, און דערצו האט אים ארויסגעהאלפן זיין חשוב׳ער זון הרה״ח ר׳ ברוך ז״ל וועלכער האט אין די שפעטערע יארן געדינט אלס גבאי אינעם ביהמ״ד. ר׳ יחיאל ז״ל האט זוכה געווען צו נעמען א באדייטענדער טייל אין אהערשטעלן דעם ביהמ״ד.

אין ירושלים האט דאן געהערשט זייער א גרויס ארימקייט. מ׳קהאט קוים געהאט אויף לחם לאכול ובגד ללבוש, און אז מ׳האט געדארפט אהערשטעלן א ביהמ״ד מיט אלע געברויכן איז פשוט נישט געווען פון וואו צו נעמען דאס געלט דערפאר, ובפרט אז מ׳האט נאך געהאלטן אינמיטן בויען דעם אייגענעם ביהמ״ד. ר׳ יחיאל קליין ז״ל האט אבער נישט געקענט משלים זיין מיטן פאקט אז אויף די ימים נוראים פון תרצ״ה זאל מען נישט דאווענען אין אן אייגן ביהמ״ד, דעריבער האט ער פארארבעט איבערמידליכע מעשים צו שאפן די הצטרכות פאר דעם ביהמ״ד.

ר׳ יחיאל קליין האט זיך ווייטער געוואנדן צו די הנהלה פון ״כולל שומרי החומות״ און האט ברשותם ארויסגענומען פארשידענע ווערדפולע חפצים פונעם כולל שומרי החומות ביהמ״ד אין אלט-שטאט וועלכע איז חרוב געווארן מיט עטליכע יאר פריער, ווי שוין געשריבן ביי א פריערדיגע געלעגנהייט.

די עסקנים אין שפיץ פון ר׳ יחיאל ז״ל האבן פון דארט ארויסגענומען די צובראכענע שטיקלעך בענק און טישן, זיי האבן דאס מיט זייערע אייגענע הענט פארראכטן, און זיי האבן צוריק אויפגעשטעלט דערפון שיינע טישן און בענק. אויך האט ר׳ יחיאל צוגעקויפט עטליכע שטיקלער האלץ, ער האט גערופן א בעל מלאכה וועלכער האט געמאכט דערפון נאך עטליכע טישן און בענק (קיין געלט צו קויפן געמאכטע טישן און בענק, איז דאך זיכער נישט געווען). אזוי האט מען געטון און געארבעט, און מיט צען פינגערס האט מען אהערגעשטעלט א גאנצן ביהמ״ד, און אזוי איז געווארן א סאטמארער ביהמ״ד אין ארץ ישראל.

עס איז ווייט נישט אנגעקומען לייכט. ר׳ ברוך קליין האט דערציילט, אז ער אליינס איז עטליכע מאל אריבער מיט זיין טאטען צום אלטן ביהמ״ד זען וואס מ׳קען אלס אריבערברענגען צום נייעם ביהמ״ד. מ׳האט פון דארט איבערגעברענגט געציילטע צוריסענע ספרים און סידורים. מ׳האט דאס פארראכטן און גענוצט פארן ביהמ״ד. כהנה וכהנה האט מען פון דארט אריבערגעברענגט יעדע מינדעסטע זאך וואס מ׳קען האבן נוצן דערפון.

## דאס ביהמ״ד ווערט געעפענט

נאך גרויסע מיה און הארעוואניע איז בס״ד געלונגען אהערצושטעלן א שיינעם ביהמ״ד. ר׳ ברוך קליין ז״ל האט דערציילט אז עס זענען געווען אזעלכע וואס האבן געלאכט פונעם רבי׳נס חסידים, אז דאס ביהמ״ד וועט זיך קיינמאל נישט אויסארבעטן. ער האט געדענקט ווי איינער האט אים דעמאלט געזאגט מיט שפאס ״איר וועט נאך דארפן רופן א צענטן צו מנין״... אבער מיט השי״ת׳ס הילף האט מען קיינמאל נישט געדארפט צוקומען דערצו. באלד אין ערשטן שבת איז שוין נישט געווען גענוג פלאץ אין ביהמ״ד.

יענעם ערשטן שבת נאך ר׳ ברוכ׳ס בר מצוה האט מען שוין אפיציעל מחנך געווען דעם ביהמ״ד און מען האט דארט אנגעהויבן דאווענען אלע תפלות. די חשוב׳ע מתפללים זענען איבערראשט געווארן אז שוין דעם ערשטן שבת איז נישט געווען קיין פלאץ אין ביהמ״ד. עטליכע מתפללים האבן שוין געמוזט שטיין אינדרויסן אין חצר פון ביהמ״ד און אזוי האבן זיי מיטגעהאלטן די תפלות.

אבער ווי דערמאנט איז דאס אלעס געווען בלויז אויף צייטווייליג, און טראץ וואס מ׳האט דארט געדאווענט אלע תפלות בשבתות וימים טובים, האט מען זיך נישט פראמענאנט קובע מקום געווען דארט, פארזעצענדיג מיט די פארהאנדלונגען איבערן נייעם ביהמ״ד וואס האט זיך דאן געבויט אויף די מאה שערים גאס.

## כהן בא לעיר...

אנהייב שנת תרצ״ה האבן דעם רבי׳נס חסידים אין ירושלים צובאקומען א שטארקן כח, מיטן אנקום פון דעם בארימטן איש חסיד כהן שדעתו יפה מוה״ר צבי פנחס הכהן כ״ץ מאשקאוויטש ז״ל, וועלכער איז דאן אנגעקומען פון לאנדאן און האט זיך באזעצט אין ירושלים עיה״ק.

ר׳ הערש פנחס ז״ל איז געווען א זון פון הרה״ח ר׳ יושע כ״ץ מאשקאוויטש ז״ל וועלכער איז געווען אן איידעם פון הגה״צ רבי מרדכי ראטשטיין זצ״ל דומ״ץ האלמין בעל שערי פרנסה טובה אויף תהלים. ר׳ הערש פנחס איז געבוירן געווארן ביום כ״ו אב תרס״ה. ווען ער איז אונטערגעוואקסן איז ער געפארן קיין סאטמאר לערנען אין די ישיבה פון מרן רביה״ק זי״ע, וועלכער האט דאן געוואוינט אין סאטמאר - ווי פריערדערמאנט.

נאך די חתונה האט ר׳ הערש פנחס האט זיך באזעצט אין סאטמאר ווערענדיג אן איידעם פון הרה״ח ר׳ נתן נטע גליק ז״ל, און בשנת תרפ״ח נאכן הסתלקות פון הגה״ק בעל קרן לדוד זצ״ל אבד״ק סאטמאר, איז ר׳ הערש פנחס געווען שטארק טעטיג אז מען זאל אויפנעמען דעם רבי׳ן זי״ע אלס רב אין די שטאט.

בשנת תר״צ איז ר׳ הערש פנחס ז״ל געפארן קיין לאנדאן, וואו ער האט געוואוינט בערך פינף יאר צייט. ער איז דארט געווען א משולח פאר די האלמינער

ז

## בטוב ירושלים

נייעס און אנטוויקלונגען פון אונזער ירושלים'ער מוסדות

### הגה"צ מנאנאש שליט"א באזוכט אין ת"ת

די ילדי הת"ת האבן אויפגענומען מיט גרויס כבוד הגה"צ רבי שמואל בראך שליט"א אבד"ק נאנאש, וועלכער האט אויסגענוצט די געלעגנהייט פון זיין וויילן אין ירושלים צו באזוכן אין די תלמוד תורה, און האט געשעפט הויפענס מיט נחת ביים מיטהאלטן דעם הערליכן בליה און וואוקס פון די מוסדות. דער נאנאשער רב שליט"א האט פארהערט ביי יעדע כתה באזונדער, און דערנאך האבן אלע קינדער זיך צוזאמגענומען אינעם עס זאל וואו דער רב שליט"א האט משמיע געווען עובדות פון רביה"ק זי"ע און דברי הדרכה פאר די ילדי התשב"ר.

### הצלחה'דיגער קמחא דפסחא גורל דורכגעפירט

ווי שוין באריכטעט אין די פריערדיגע אויסגאבע, איז אין ירושלים עיה"ק דורכגעפירט געווארן די הצלחה'דיגע "קמחא דפסחא אקציע" ביי וועלכע אנ"ש האבן זיך באשטייערט מיט שיינע סכומים להחזקת המוסדות, צוצוהעלפן פאר די הנהלת המוסדות צו שאפן דאס געלט וואס די ארטיגע הנהלה דארף אליינס שאפן, אז מ'זאל קענען אויסצאלן אויף פסח. די מתנדבים בעם מיט באשטימטע סכומים זענען אריין אין א גורל אויף א "נסיעה טיקעט" קיין חו"ל, זיך מסתופף צו זיין בצל הקודש פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א אויפן קומענדיגן יו"ט שבועות הבעל"ט. דער גורל איז דורכגעפירט געווארן פארגאנגענעם מוצש"ק פרשת אמור, בשעת די סעודת הילולא פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, און דער געווינער איז העסקן הנמרץ לכל חצר קדשינו מו"ה יוסף לייב יאקאב הי"ו.

### הכרת הטוב ביי די סעודת הילולא

די סעודת הילולא פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע איז גלייכצייטיג געווען שטארק פארבינדן מיט די מוסדות הק', ווען ביי דער געלעגנהייט האט הגה"צ חו"פ הדומ"ץ שליט"א בין הדברים ארויסגעברענגט, דעם שטארקן הכרת הטוב וואס די הנהלה שפירט פאר אלע משתתפים אין די קמחא דפסחא קאמפיין'ס סיי אין ירושלים און סיי איבער די וועלט, ומריחוק מקום האט דער דיין שליט"א זיך באזונדער באדאנקט פאר הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו מראה"ק והמוסדות בקרית יואל, וועמענס העפטיגע הארעוואניע עס איז צו פארדאנקן אז מ'האט ב"ה מצליח געווען גענצליך אויסצוצאלן פאר'ן יום טוב פסח העעל"ט.

### פרישע חבורה געגרינדעט אין ישיבה קטנה

לרגל התחלת זמן הקיץ איז אין די ישיבה קטנה געגרינדעט געווארן א פרישע "חבורה" אין וועלכע די בחורים וואס זענען אנגעשלאסן דערין האבן די געלעגנהייט משמיע צו זיין פאר די אנדערע חברים, א שיעור אין די סוגיא וואס מ'לערנט דאן אין די ישיבה. יעדע וואך זאגט א צווייטער בחור דעם שיעור פאר אלע תלמידי הישיבה, און עס איז א מחזה הוד מיטצוהאלטן ווי די בחורים שטייגן ב"ה גרויסע מגידים, איבערגעבענדיג די חידושים און בירורים וואס זיי האבן אליינס מחדש און מברר געווען אין די סוגיא מיט גרויס חריפות ובקיאות.

## ומציון יסעדך

נייעס און אנטוויקלונגען פון אונזערע בני ברק'ער מוסדות

### דין תורה פארגעזעצט געווארן

אין די פארגאנגענע וואכן איז בעזהשי"ת פארגעזעצט געווארן די דיונים ביי די דין תורה אין וועלכע אונזערע מוסדות זענען אריינגעצויגן געווארן. דאס מאל איז דער מושב בי"ד באשטימט געווארן אין ניו יארק, און גלייך נאכן יום טוב פסח איז געקומען צו פארן פון ירושלים עיה"ק הגאון הגדול רבי נפתלי פרענקל שליט"א חבר הבד"ץ. דער ערשטער זיצונג האט געזאלט פארקומען מאנטאג פרשת אמור, כ"ח ניסן. אבער דער צד שכנגד איז אומפאראויסגעמאלדן נישט ערשינען יענעם טאג, שלעפענדיג דערמיט נאך אביסל צייט, און שאפענדיג אומזיסטע שאדנס פון טויזנטער דאלארן. אין די נאכפאלגענדע טעג איז אפגעהאלטן געווארן עטליכע זיצונגען, ביי וועלכע מ'האט האפענטליך געמאכט שטארקע פארשריט צו ענדיגן דעם אזוי-לאנג פארצויגענעם שטרייט.

לויטן באשלוס פון די רבנים הגאונים שליט"א וואס זענען יושבים על מדון ביי די דין תורה, וועלן די נאכפאלגענדע זיצונגען אי"ה פארקומען אין ארה"ק, און דער קומענדיגער זיצונג איז באשטימט אויף חודש תמוז הבעל"ט.

### נייער זמן אנגעהויבן מיט זעלטענעם התחדשות

ווי דען אנדערש... אריינקומענדיג די טעג אין די בנינים פון די הייליגע מוסדות, שפירט זיך גלייך דער גייסט פון התחדשות וואס האט ב"ה ארומגענומען די כלי קודש פון אלע אפטיילונגען, נאכדעם וואס מ'האט ב"ה באוויזן גענצליך אויסצוצאלן דאס געהאלט פאר די כלי קודש צום ערשטן מאל אין א צייט אפשנייט פון עטליכע יאר. לשבחם פון די כלי קודש איז שוין עטליכע מאל ארויסגעברענגט געווארן, ווי טראץ די שווערע אומשטענדן האבן זיי ממשיך געווען בעבודת הקודש בלי שום שינוי, אבער אצינד נאכן ווערן באפרייט פונעם עול פון דאגות און חובות, גייט ב"ה די ארבעט מיט א פילכאפיגערן "הרחבת הדעת" ווי ביז איצט, וואס האט ב"ה א שטארקע השפעה אויף אלע לימודים אין די מוסדות.

### פן תשא עיניך השמימה...

פארגאנגענעם מאנטאג פרשת בהר, יום המר והנמהר ה' אייר, האבן די תשב"ר תלמידים פון די מוסדות געהערט א פייערדיגע דרשה פונעם מנה"ר הרה"ג רבי יקותיאל יצחק בראך שליט"א, וועלכער האט ברייט צולייגט פאר די קינדער דעם גרויסן ווייטאג פון דעם טאג, און ווי שטארק מען דארף אין דעם טאג זיך מקבל זיין צו זיין אפגעזונדערט פון יעדע מינדעסטע שייכות צו ציונות ואביזרייהו. בין הדברים האט דער מנהל שליט"א ארויסגעברענגט מיט ווייטאג ווי די ציונים נוצן אויס דעם טאג מיט פארשידענע הוליריין, ווי "פייער קרעקערס" וכדומה, וואס קען אמאל ציען דאס אויג. אבער ווען מען האלט פאר די אויגן, אז אייגער האט ח"ו גענומען א "רעוואלווער" און דערמיט דערשאסן מיינס א ברודער, וואלט דאך קיינמאל קיינעם נישט בייגעפאלן אמאל נאך צו קענען אנקוקן די כלי, אפגעזען ווי אינטערעסאנט און שיין עס וועט זיין. דער עצם רעיון הציוני איז חזיר-טריף, עס איז דער סימבאל פון כוחי ועוצם ידי, אבער ווען מען דערמאנט זיך וויפיל טויזנטער און צענדליגער טויזנטער נפשות די ציונים האבן שוין מיט זייער רעיון אפגע'שמד'ט ר"ל, ווי קען מען אפילו הנאה האבן פון זען זייערע א. ג. שיינע זאכן?! דאס איז דאך דער רעוואלווער פונעם דור!.

די פייערדיגע דרשה האט איבערגעלאזט דעם ריכטיגן רושם אויף די תלמידים, און אויפן וועג אהיים פון חדר איז געווען מערקווערדיג ווי די פארשידענע כינגעס פון די ציונים האט ניטאמאל אפעלירט צום געוויסן פון די קינדער, ארויסצייגענדיג אפשיי פון יעדע מין זאך וואס האט נאר א שייכות צו די מדינה.

### מאסן אנ"ש ביי עצרת התעוררות ביום ה' אייר

אויך אין ביהמ"ד הגדול זענען אנ"ש זיך צונויפגעקומען ביום ה' אייר, ארויסצוברענגען די געפילן פון צער וואס ערוועקט זיך אין דעם טאג. לויטן פלאן האט מען געזאלט מקבל פנים זיין הגה"צ רבי ישעי' בלוי שליט"א זון פונעם בארימטן לוחם מלחמות ה' הגה"צ רבי עמרם זצ"ל, וועלכער האט אין די לעצטע מינוט נישט געקענט ערשיינען, און דער ריזיגער פארזאמעלטער ציבור האט זיך צוגעהערט צו די דרשות התעוררות והסברה פון: הרה"ג רבי יקותיאל יצחק בראך שליט"א מנה"ר בת"ת, און הרה"ג רבי בערל קליין שליט"א מרבני קהלתינו הק' בירושלים עיה"ק זון פון הגה"ח רבי שלום שליט"א מרבני קהלתינו הק' אין בני ברק. די צענטראלע דרשה איז געהערט געווארן פון הרה"ג רבי חנאל שורארה שליט"א מרבני ק"ק תימן, וועלכער האט בלשון לימוד איבערגעגעבן פארשידענע הער-אויפשטעלענדע עפיזאטן, ווי אזוי די ציונים ימ"ש האבן באוויזן כמעט גענצליך צו פארניכטן דעם שבט מישראל, עדת תימן, ועל דא קבכינא אין דעם טאג ביטערן טאג ה' אייר.

▶ 2

### המשך רבי מאיר בעל הנס

געשטעלט צו שאפן געלט, איבער די לענג און ברייט פון טערקיי, פאר די ספרדישע אידן וואס האבן געוואוינט אין צפת, האבן זיך גאר שיין אנגערופן און אים געגעבן די גרויסע סומע פון דריי טויזנט טערקישע שילונג. פון דעם האט ער גלייך אפגעשיקט צוויי טויזנט זיבן הונדערט און פופציג שילונג, און פאר זיך האט ער גענומען צוויי הונדערט און פופציג שילונג, ער זאל האבן אויף הוצאות הדרך, און אזוי ווייטער.

פון קוטשא איז ער אפגעפארן דורכן שווארצן ים, און איז אנגעקומען קיין יאסי און חודש אייר תקל"ח. ער האט זיך גלייך פארבינדן מיט די חסידים אין וויטעבסק און זיי געמאלדן אז ער איז געקומען בשליחות פון די הייליגע צדיקים און די אידן פון צפת.

## עמוד התווך

פעולות און אקטיוויטעטן אין אויסלאנד למען קיום המוסדות

### מאסן אנ"ש ערווארטעט צום דינער

דער קומענדיגער "דינסטאג" איז א גורל'דיגער טאג פאר מוסדות יטב לב, ווען עס וועט דערביי אפגעשטימט ווערן, צו עס וועט בעזהשי"ת ערמעגליכט ווערן צו קענען שיקן ווייטער צייטליך די היזיגע תמיכות פאר די מוסדות הק' אין ירושלים און אין בני ברק, וואס אין דעם איז אנגעהאנגען דאס צאלן צייטליך פאר די כלי קודש דארט אין די הייליגע מוסדות.

דער גורל וועט אי"ה באשטימט ווערן דינסטאג אווענט ביים מעמד הדינער לטובת מוסדותינו הק' וואס וועט אפגעראכטן ווערן אין די זאלן פון ראוז קעסיל אין וויליאמסבורג. דער היי-יעריגער דינער איז ווי באקאנט, א דבר בעתו, ווערענדיג אפגעראכטן בלויז א קורצע צייט נאכדעם וואס מ'האט ב"ה באוויזן גענצליך אויסצוצאלן פאר די כלי קודש אין די מוסדות הק', און די חברי הנהלה פון דאהי און פון ארה"ק האפן אצינד שטארק אז עס וועט ערמעגליכט ווערן דאס ווייטער אנצוהאלטן, וואס דאס אלעס איז געוואנדן אין די הצלחה פונעם דינער.

עס איז צום האפן אז ווי ביז היינט וועט דער ציבור צושטיין לימין המוסדות בעוז ותעצומות, און מ'וועט קומען מאסן-ווייז אנטייל נעמען ביים דינער בגוף ובממון, בגוף דורכן פערזענליך ערשיינען, ובממון דורכן מיטברענגען גרעסערע סכומים, ולכה"פ דער סכום פון $360.

### סוקסעספולער "בין הזמנים קאמפיין" ברענגט נייט פאר אויסבעסערונגען

צום גרויסן איבערראשונג פון די חברי הנהלה און עסקני מוסדותינו הק', איז די הצלחה פונעם פארלאפענעם "בין הזמנים קאמפיין" געווען למעלה מן המשוער, און דער ווארימער אפרוף פון פילצאליגע בחורי חמד תלמידי ישיבתינו הקדושות אומעטום איז געווען פיל העכער ווי ערווארטעט. טראץ וואס פארגאנגענעם בין הזמנים, איז כמעט נישט אנגעפירט געווארן קיין געהעריגער קאמפיין צווישן די בחורים, האבן די בחורים זיך פארט געהאלט צום קריאת הקודש פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, און האבן במשך ימי הזמנים געשאפן גרויסע געלטער לטובת מוסדותינו הק'.

זעענדיג דאס ווארימקייט פון די בחורים, שטעלט זיך ארויס אז דער איצטיגער סטעף פון עסקנים איז ווייט נישט גענוג צו קענען אליינס אנפירן דעם "בחורים קאמפיין" במשך ימי בין הזמנים, און ביי א געמיינזאמע מיטונג צווישן די חברי הנהלה און עסקנים איז באשלאסן געווארן אויפצונעמען א ספעציעלן עסקן וואס וועט זיך אויסשליסליך אפגעבן צו באגלייטן און קארדאנירן דעם "בחורים קאמפיין" בימי בין הזמנים.

פרטים יבואו אי"ה.

## המשך ראשית ממלכתו

ישיבה. ער איז דארט געווען שטארק מקורב צום שאצער רבי'ן הרה"ק רבי שלום מאסקאוויטש זצ"ל ביי וועמען ער האט זיך פיל געדרייט און מקבל געווען.

אינטרעסאנט איז, אז די עטליכע יאר וואס ר' הערש פנחס ז"ל האט געוויילט אין לאנדאן, האט ער זיך אויסגעלערנט די ענגלישע שפראך, וואס איז אים שפעטער שטארק צונוץ געקומען אויף ארויסצוהעלפן די פעולות הצלה פון מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע בכלל, ובפרט שפעטער ווען ער איז געווען דער בריח התיכון צו ערלעדיגן די שריפטן פארן רבי'ן זי"ע אז ער זאל נאכן קריג קענען קומען פון שווייץ קיין ארץ ישראל. ר' הערש פנחס ז"ל האט שפעטער געזאגט פאר זיינע קינדער, אז עס איז ממש געווען א סייעתא דשמיא, ווייל ער זעלבסט האט קיינמאל נישט אוועקגעגעבן קיין צייט זיך צו לערנען ענגליש, נאר ער האט דאס פשוט אויפגעכאפט פון די גאס, און שפעטער איז דאס איז אים אזוי שטארק צונוץ געקומען.

אנהייב שנת תרצ"ה האט ר' הערש פנחס ז"ל מחליט געווען ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל. ר' הערש פנחס פלעגט זאגן, אז ווען ער איז ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל האבן מאנכע אים געזאגט אז ער האט שוין פארשפעטיגט... ווייל ביז דאן זענען נאך געווען אין ירושלים צדיקים קדושי עליון, און איצט האט מען שוין ליידער אלעס פארלוירן. אבער ר' הערש פנחס פלעגט זאגן אז ער האט נאך אסאך געטראפן אין ירושלים גדולי עולם וועלכע האבן נישט געמאכט פון זיך גארנישט, און ער האט נאך פיל פיל אריינגעכאפט.

אין די ווייטערדיגע קאפיטלען וועט נאך פיל אויסקומען צו רעדן פון ר' הערש פנחס ז"ל, וועלכער איז אויף טריט און שריט צוגעשטאנען צום התייסדות הקהלה והמוסדות פון רבי'ן זי"ע, אבער אצינד וועלן מיר צוריקגיין צום רבי'נס ביהמ"ד אויף וואס דער רבי זי"ע האט אזוי שטארק ארויסגעקוקט צו קענען האבן אן אייגן ווינקל אין ירושלים, א מקום תורה ותפלה וואס איז גענצליך אונטער זיין בעלות, כדי צו קענען דארט איינשטעלן די קביעות'דיגע תקנות כפי אוות נפשו הטהורה פון רבי'ן זי"ע.

### ר' הערש פנחס פראבירט...

איידער ר' הערש פנחס ז"ל האט זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, איז ער צוריקגעקומען קיין סאטמאר, וואו ער האט זיך געזעגנט מיטן רבי'ן זי"ע. דער רבי האט גוט געקענט ר' הערש פנחס'ן אלס איש חי ורב פעלים און אלס איש חכם ונבון, דעריבער האט אים דער רבי שטארק געבעטן אז ווען ער קומט אן קיין ארץ ישראל, זאל ער זיך אריינלייגן אין דעם היניזכט און ער זאל זען אויסצוגלייכן די סכסוכים וואס האט זיך געשאפן, כדי מ'זאל קענען פארזעצן די בוי-ארבעט פון דעם ביהמ"ד.

פקודתו שמרה נפשו, און ווי ר' הערש פנחס ז"ל איז אנגעקומען, הא טער אנגעהיבן צו ארבעטן מיט א שטארקן פלייס צו זען וואס מ'קען טון. ער האט געפירט געשפרעכן און פראבירט אלעס וואס נאר מעגליך איבערצורעדן די ממונים און אייגענטומער פונעם ביהמ"ד אז מ'זאל דעם ביהמ"ד גענצליך איבערשרייבן אויפן רבי'נס נאמען, אזוי אז מ'זאל קענען פארזעצן מיט די בוי ארבעט. אבער וויפיל ער האט פראבירט האט זיך אים דאס נישט איינגעגעבן.

קומענדיגן חודש וועלן מיר אי"ה ברענגען די ווייטערדיגע אנטוויקלונגען ווי אזוי דעם רבי'נס ביהמ"ד איז אפיציל געגרינדעט געווארן ביום א' שמות תרצ"ה.

### הוספות פון ליינער

(בריוו איבערגעזעצט פון לשון הקודש)

יום א' יומא דהילולא דמרן הברך משה זי"ע.

אינעם גליון י"ח "בקודש חזיתיך" איז געשטאנען, אז ר' יוסף פריינד ז"ל האט געהאט איין איידעם הרה"ח ר' ניסן לעווי ז"ל פון וויען. למען הדיוק דארף מען צולייגן אז ר' יוסף ז"ל האט געהאט נאך עטליכע קינדער. צווישן אנדערע האט זיין טאכטער חתונה געהאט צו הרבני הנגיד ר' מרדכי בענעדיקט ז"ל וועלכער האט געוואוינט אין לאנדאן, און שפעטער אין ארץ ישראל. ביי ר' מרדכי ז"ל איז געווען תורה וגדולה במקום אחד, זייענדיג א תלמיד חכם מופלג, א מתמיד עצום און גלייכצייטיג א געוואלדיגער נגיד ובעל צדקה.

טראצדעם וואס מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט געווענליך נישט פארפירט קיין תורה'דיגע שמועסן מיט פשוט'ע בעלי בתים, האט ער אבער מיט ר' מרדכי'ן געמאכט אן אויסנאם, און עס האט עטליכע מאל פאסירט אז דער רבי האט זיך מיט אים מפלפל געווען א לאנגערע צייט. צווישן די בני משפחה פון ר' מרדכי איז באקאנט אז דער רבי האט אים שטארק מעריך געווען, זייענדיג א געוואלדיגער ירא שמים ואיש נכבד.

ר' מרדכי ז"ל איז געווען א ברודער פון הרה"ח ר' יחיאל בענעדיקט ז"ל וועלכער האט בשנת תשי"ב געהאט די זכי' צו זיין דער בעל אכסניא פון רבי'ן זי"ע אין חיפה, און ער האט פיל ארויסגעהאלפן פאר'ן התייסדות פון רבי'נס מוסדות אין ירושלים. ר' מרדכי ז"ל האט זוכה געווען אויפצושטעלן א שיינע תורה'דיגע שטוב. ער איז געווען א מחותן מיט'ן בריסקער רב הגה"ק רבי וועלוועלע זצ"ל, וועמענס זון הג"ר בערל זצ"ל איז געווען אן איידעם פון ר' מרדכי ז"ל. אזוי האט ער זיך משדך געווען מיט נאך חשוב'ע בני תורה.

כ"ז כתבתי רק למען תת חיזוק לפועלכם ולמפעלכם, הצלחה מרובה וכו"ט.

*

אלס הוספה צום פריערדיגן גליון וויל איך נאר צולייגן אז הרה"ח ר' חיים פריינד ז"ל דער בארימטער ראה"ק פון סאטמאר, האט איבערגעלעבט די קריג. ער איז נאך פארן קריג אנטלאפן פון סאטמאר, און זינט דאן האט זיין זון הרה"ח ר' סענדר פריינד ז"ל געדינט אלס ראה"ק אין סאטמאר. ר' חיים איז ארויף קיין ארץ ישראל וואו ער האט אויסגעלעבט די יארן בדרך כבוד, פארברענגענדיג אלע זיינע טעג בתורה ותפלה, ביז צו זיין פטירה א קורצע צייט נאך די צווייטע וועלט קריג.

# בדידי הוה עובדא

בריוו פון לייענער

## אפגעקומען מיט א "כזית מרור"...

לכבוד מערכת גליון הנכבד "בקודש חזיתיך" – מדור "בדידי הוה עובדא".

אלס א שרייבער פון-פאך-אויס כאפ איך זייער זעלטן התפעלות פון 'פערזענליכע עפיזאדן' און 'אייגענע איבערלעבענישן' וועלכע ווערן פארשפרייט חדשים לבקרים איבער די פילצאליגע פובליקאציעס ביים היימישן ציבור. און די סיבה דערצו איז זייער פארשטענדליך: זייענדיג אביסל באקאנט מיט מיינע קאלעגע-שרייבערלעך איז גאנץ א לייכטע ארבעט צו דערשמעקן אז די שפאנענדע "פערזענליכע געשיכטעס" האבן זיך געווענטליך נארוואס אפגעשפילט בשעת'ן אפקלאפן די שורות...

אבער דאסמאל 'הייב איך די הענט', ווייל אצינד איז עס ריכטיג "בדידי הוה עובדא" ביי מיר זעלבסט האט עס פאסירט.

געווען איז דאס בערך צען טעג פאר'ן פארלאפענעם יו"ט פסח, ווען מיין אינגעלע ני"ו האט געשפירט אויסטערלישע יסורים ל"ע. נאך א קורצער וויזיט פון הצלה-וואלונטירן האב איך זיך שוין דערזען פארענדיג אינעם אמבולאנס אויפן וועג צום שפיטאל צוזאמען מיט מיין אינגעלע.

ס'איז שוין געווען שפעט אויפדערנאכט, און די קאלירטע לעמפלעך פונעם אמבולאנס האבן בלויז צוגעגעבן צום צעמישעניש און אנגעצויגנקייט. בצר לי האב איך באשלאסן מפריש צו זיין $100 פאר מוסדותיו הק' יטב לב אין ארה"ק, לע"נ התנא האלקי רבי מאיר בעל הנס "בתנאי אז איך זאל באפרייט ווערן פון שפיטאל נאך היינט ביינאכט!". כ'האב געטראכט אז ביי די נאנטסטע געלעגנהייט וועל איך דאס איבערגעבן פאר די עסקנים.

(זייטיגער נאטיץ: "רבי מאיר גלייכט נישט קיין תנאים פון-פאראויס..." – האט מיר ערקלערט איינע פון די חשובע עסקנים אין א שפעטערדיגן שמועס – "דער פראצעדור ארבעט: מ'זאגט צו א סכום נכבד, און מ'איז מתפלל אז בזכותו של רבי מאיר זאל מען געהאלפן ווערן". אבער דאן האב איך נאכנישט געוואוסט פון דעם כלל...".)

לאמיר אייך נישט באלעסטיגן מיט קיין אריכות: כ'בין אנגעקומען אין שפיטאל; די דאקטוירים האבן פעסטגעשטעלט אז מיין אינגעלע פארמאגט א "ראפטשערד אפענדיקס", זיי האבן אים זאפארט אפערירט, און כ'האב שוין געמיינט אז היינט-מארגן גייט מען אהיים... ס'איז אבער נישט אזוי געווען. ס'האט זיך געמאכט קאמפליקאציעס; עטליכע טעג זענען פארבייגעלאפן; א שבת קודש איז געפראוועט געווארן אין שפיטאל; און איך האב זיך דערזען אין א היפש אומאנגענעמע סיטואציע, מילד גערעדט...

אויב איז נישט געווען גענוג אומבא'טעמ'ט דער פיזור הנפש פון פארן-און-קומען; אויב איז נישט געווען גענוג אומבאקוועם צו זיין אוועק פון די קינדערלעך; אויב איז נישט געווען גענוג אנגעצויגן איבערלאזנדיג א הויפן-ארבעט אינדערהיים אין אזא פארנומענעם ערב-פסח סעזאן, איז מיר ביטער געווארן אויפן הארצן ווען דער דאקטער האט אנגעהויבן צו "משל'ען" אז לויט זיינע אנאליזן וועל איך נאך דארפן פארברענגען אין שפיטאל ביז איבער דעם הייליגן יו"ט פסח!...

כ'האב געשפירט אז מיטן פארברענגען אין שפיטאל נעבן א קינד'ס בעט בליל התקדש החג איז מען "מחמיר" אינעם שיעור פונעם "מרור" אפילו לויטן שיטת החזון איש... און כ'האב זייער נישט חשק געהאט זיך ארייצולאזן אין אזא 'אונטערנעמונג'.

פונקט דאן האב איך באקומען א טעלעפאן-רוף פון מיין חשובן שוואגער שיחיו; ס'איז אים בייגעפאלן א געדאנק. היות אז סיי ער, סיי איך, און אויך נאך א ברודער מיינער, האבן אפגעקויפט דעם זכות פון א "החזקת מלמד" פון דריי באזונדערע כתות אין אונזערע ארץ ישראל'דיגע מוסדות, וואלט ער געראטן אז 'אונזערע דריי כיתות' זאלן צוזאמען מזכיר זיין דעם נאמען פון מיין אינגעלע בשעת'ן לערנען, און ס'איז נישט קיין ספק אז די תינוקות של בית רבן האבן א געוואלדיגן כח אין הימל.

א גוטער געדאנק... האב איך באלד אפגערופן דעם חשובן גזבר המוסדות אין קרית יואל, ידידי המהולל בתשבחות מוה"ר אשר זעליג בלייך הי"ו, כ'האב אים דערציילט מיין סיטואציע, זאגענדיג "קודם כל, קענסט גיין אפנעמען הונדערט דאלאר פאר די מוסדות, ס'איז צוגעגרייט ביי מיר אין שטוב אין קרית יואל. צווייטנ'ס: איך האב א זכות פון א כיתה אין בני ברק ... " אבער האלטענדיג נאך אינמיטן רעדן בין איך איבערגעהאקט געווארן, ווייל דער דאקטאר האט אריינשפאצירט.

כ'האב געזאגט פאר ר' אשר זעליג'ן "כ'מוז אראפלייגן דעם טעלעפאן, כ'רוף דיר צוריק אין א מינוט, דער דאקטאר איז דא יעצט".

נאך א קורצער אנאליז, עטליכע פראגעס, און א קורצער טעסט, ווענדט זיך דער דאקטאר צו מיר און ער זאגט: "איך האב גוטע נייעס פאר דיר... מארגן קענסטו אהיימגיין...".

דאס איז געווען ממש דעמאלט, יא! תוך כדי דיבור ווי כ'האב געזאגט ר' אשר זעליג'ן אז ער קען גיין אפנעמען דעם הונדערטער פאר יטב לב!

אויפצומארגנס, באלד נאכדעם וואס ר' אשר זעליג האט אויפגעפיקט דאס געלט אין קרית יואל; און בלויז געציילטע שעה'ן נאכדעם וואס די ילדי הכיתות אין בני ברק האבן דערמאנט דעם נאמען פון מיין אינגעלע נ"י, בין איך שוין בעז"ה געווען אין קאר אויפן וועג אהיים...

כ'וועל מסיים זיין מעין הפתיחה: אמת, כ'בין טאקע א שרייבער, אבער דער עפיזאד איז אן "אמת'ער" פערזענליכער איבערלעבעניש...

הצלחה מרובה!

שמואל שטערן, קרית יואל יע"א

## ס'איז בלויז א טעות...

מע"כ מוסדות יטב לב

איך וויל אויסנוצן די געלעגנהייט אפצוגעבן שבח והודי' להשי"ת על רוב רחמיו וחסדיו וואס איך האב אליינס בייגעוואוינט.

ס'איז געווען מיט א צייט צוריק, ווען מיין אשת חיל תחי' איז געווען אויף א געווענליכע באזוך ביים דאקטאר, א שיין שטיקל צייט נאך מיין חתונה, און דער דאקטאר האט איר שטארק אפגעשראקן, זאגענדיג אז זי וועט דארפן דורכגיין פארשידענע היילונגס פראצעדורן. ווי פארשטענדליך האט דאס אונז געטראפן ווי א דונער אינמיטן העלן טאג, זייענדיג גענצליך אן אומגעראכטענע בשורה.

אבער וואס איז דען שייך געווען צו טון. אין די נאכפאלגענדע וואכן האט מען נאך דורכגעפירט פארשידענע טעססטס, און דאן האט מען אנגעהויבן צו באשטימען די אפוינטמענטס ווען מ'וועט דורכפירן די פארשידענע טריעטמענטס און מעדעצינישע פראצעדורן.

ווארא בצר לי האב איך מיך גלייך געווענדן צום אור-אלטן מיטל פון "צדקת רבי מאיר בעל הנס". איך בין צוגעגאנגען צו ר' הלל מנשה מארמארשטיין הי"ו, און כ'האב אפגעקויפט א וואך אינעם מפעל "החזקת מלמד". ר' הלל מנשה האט גענומען פון מיר אלע אינפארמאציע, און כמובן האב איך אריינגעשריבן די ספעציעלע בקשה, אז מען זאל מתפלל זיין פאר די הצלחה פון די פראצעדורן וואס מיין פרוי דארף דורכגיין.

מאת ה' היתה זאת האט ר' הלל מנשה הי"ו מיר געגעבן די וואך פון כ"ו אב, יומא דהילולא רבה פון רביה"ק זי"ע, וואס איז אויסגעפאלן פארגאנגענעם יאר אויסגעפאלן פרייטאג פרשת ראה. ווי עס זעט אויס האבן די קינדער ערליך מתפלל געווען, ווי איך האב מיך פערזענליך איבערגעצייגט.

עטליכע טעג דערויף זענען מיר נאכאמאל געווען ביים דאקטאר, און מ'האט געזאלט ממשיך זיין מיט פארשידענע טעססטס, אבער ווי איבערראשט זענען מיר געווארן, ווען דער דאקטאר האט אונז קלאר געזאגט, אז מיר קענען שוין אהיימגיין. עס האט זיך אים דאן ארויסגעשטעלט, אז זיינע אלע פארדאכטן זענען גרונטלאז, און מיין פרוי תחי' איז געזונט און שטארק. די אלע פראצעדורן פעלן שוין נישט אויס.

פון דעמאלט זענען שוין דורך א שיינע פאר חדשים, און ב"ה מ'האלט שוין נאך אלעם. תלי"ת זענען מיר ביידע גליקליכע געזונטע עלטערן פאר אונזער טייער קינד, און מיר האפן בעזהשי"ת מגדל צו זיין די קינדער ווייטער מיט געזונט און נחת.

כ'האב מיך אליינס איבערגעצייגט דעם גרויסן כח פון די הייליגע צדקה פון "יטב לב" בכלל, ובפרט פון די היינט-באקאנטע סגולה'דיגע "החזקת מלמד".

מיט דאנק

ידידכם, מ. נ. ג. וויליאמסבורג.